בס"ד

וארא תשפ"ו

גליון 268

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִּיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## בּוֹיעֶן אַ צוֹים

טַייעֶרע קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי צְוֵוייטֶע וָואךְ פוּן שׁוֹבָבִי"ם, סְ'אִיז פַאר אוּנְז אַלֶע בַּאקַאנְט אַז וֶוען מִיר לֶערְנֶען דִי פַּרְשַׁת אִיבֶּער דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען אַרָאפּ אִין מִצְרַיִם אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַן אַמָאלִיגֶע מַעֲשֶׂה, דִי מַעֲשֶׂה גֵייעֶן אוּנְז יֶעצְט אַרִיבֶּער. מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט אִין מִצְרַיִם אוּנְטֶער דִי הֶערְשַׁאפְט פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטְן קֶענִיג פַּרְעֹה. יָא, אֲפִילוּ פַּרְעֹה אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער, הָאבְּן אַלֶע פֶעלְקֶער אַרוּם גֶעצִיטֶערְט פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מֶעכְטִיגֶע קֶענִיגְרַייךְ. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ הַיינְט בַּיי אוּנְז פַארְהַאן, אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער פַּרְעֹה בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ, עֶר קוּקְט אוֹיס פַאר אוּנְז וִוי אַן אָנְגֶעבְּלָאזֶענֶע רִיזִיגֶע קֶענִיגְרַייךְ וֶועלְכֶע שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט אוּנְז טָאג בַּיי טָאג.



אָבֶּער, פוּנְקְט וִוי אִין יֶענֶע צַייט זֶעט מֶען אִין פַּרְשָׁה וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ, שְׁרֵייט צוּ דִי אִידְן, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, עֶר גֵייט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן, שְׁרֶעקְט אַייךְ נִישְׁט, דַאוֶוענְט גֶעשְׁמַאק, שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אַייךְ צוּזַאם, פַארְמֶערְט מִיט אַהֲבַת חֲבֵרִים, בְּעֶזְר הַשֵּׁם דִי גְאוּלָה אִיז נָאנְט." דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הַיינְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ רַחֲמָנוּת גֶעהַאט מִיט אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אִין דֶעם פִינְסְטֶערְן דוֹר, וֶוען דֶער גַאנְצֶער דוֹר שְׁרֵייט אוּן הֵייבְּט אוֹיף הֶענְט פוּן יִאוּשׁ. מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין עֵצָה, אִיז אָבֶּער אוֹיךְ דָא אַ משֶׁה רַבֵּינוּ, "מַה שֶׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה", עֶר אִיז נָאכְאַמָאל דָא מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּשׂוֹרָה, "פָּקוֹד יִפְקוֹד".

דֶעמָאלְטְס, אִין דִי צַייטְן פוּן מִצְרַיִם, הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט צְווִישְׁן דִי אִידְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע סִימָן אַז וֶוען דֶער גוֹאֵל וֶועט זָאגְן "פָּקוֹד יִפְקוֹד", וֶועט זַיין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז דֶער גוֹאֵל. הַיינְט אִיז דִי סִימָן, דִי קוּמֶענְדִיגֶע אוֹת וָואס קוּמְט נָאךְ אוֹת פֵּ', דֶער אוֹת "צַדִּיק". דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק אִיז דֶער סִימָן, מִיר דַארְפְן זוּכְן דֶעם צַדִּיק, זַיינֶע לִיכְטִיגֶע תּוֹרוֹת בְּרֶענְגְט אוּנְז דִי אֱמוּנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז אוֹיךְ דִי אֱמוּנָה אַז נִישְׁט נָאר וָואס מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַשְׁגִּיחַ אוּן פִירְט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, יֶעדֶע הַנְהָגָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְפְן מִיר דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין אוּנְזֶער כֹּחַ וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, מִיר זֶענֶען מְחֻיָּב צוּ גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מִיר רֶעדְן אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אֲפִילוּ וֶוען מִיר אוּנְז זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם אִין אַ גָאר נִידְרִיגֶע מַצָּב, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם - דַארְפְן מִיר גְלֵייבְּן מִיט אַ גַאנְצֶע

אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט, און ווי מֶער מִיר וֶועלְן אִין דֶעם גְלֵייבְּן, אַלְץ מֶער וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן פַּרְעֹה, קֶעגְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קֶענִיגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, "מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט אָן אַ שָׁאס פּוּלְוֶוער". מָשִׁיחַ גֵייט וֶוערְן דֶער קֶענִיג פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. וְויאַזוֹי וֶועט עֶר כּוֹבֵשׁ זַיין דִי וֶועלְט? עֶר גֵייט שִׁיקְן מִיסִילְס? עֶר גֵייט שִׁיקְן בָּאמְבֶּעס? עֶר גֵייט שִׁיקְן עֶרָאפְּלַאנֶען? נֵיין. מָשִׁיחַ גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְכְן אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְלַאנְגֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אֱמוּנָה מִיט תְּפִלָּה, אִיז אֵיינְס גֶעבִּינְדְן אִין צְוֵוייטְן. אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן גָלוּת.

וָואס מֵיינְט גָלוּת? דֶער גְרֶעסְטֶער גָלוּת אִיז וֶוען אַ אִיד פִּירְט זִיךְ נִישְׁט ווי מֶען דַארְף, עֶר פַארְלִירְט זַיין קֶשֶׁר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט קְדוּשָּׁה? אוֹיף וָואס מִיר אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם? אַז ס'אִיז דָא אַ קֶשֶׁר צְווִישְׁן אוּנְז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ הֵיילִיגֶע בּוּנְד. מ'טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען אָטֶעמְט אֱמוּנָה. וֶוען אַ יוּנְגֶל, אַ בָּחוּר, פַארְלִירְט דֶעם קֶשֶׁר אוּן עֶר זוּכְט אַנְדֶערֶע גְלִיקְן, פַארְלִירְט עֶר דֶעם קֶשֶׁר צוּ זַיין בּוֹרֵא, עֶר פַארְלִירְט דֶעם בּוּנְד. אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר קוּקְט זִיךְ אָן אוּמְרֵיינֶע זַאכְן, עֶר קוּקְט אוּן הֶערְט כֵּלִים וָואס מְ'טָאר נִישְׁט אִין דֶעם קוּקְן, פַארְלִירְט עֶר זַיין שֵׂכֶל, זַיין קֶשֶׁר צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט אָפְּגֶערִיסְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַזוֹי ווי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט בּוֹיעֶן אַ נַייעֶ הוֹיז, מוּז עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מַאכְן אַ מַעֲקֶה, אַ צוֹים אַרוּם דִי דַאךְ, עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם. פּוּנְקְט אַזוֹי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אַרַיין אַ נַייעֶ מַחֲשָׁבָה אִין קָאפּ, "בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת", מִיט חָכְמָה בּוֹיט מֶען אַ הוֹיז, חָכְמָה אִיז שֵׂכֶל. אוֹיבּ עֶר לָאזְט אַרַיין אוֹיפְן דַאךְ - וָואס אִיז דִי דַאךְ? דִי מוֹחַ. - אוֹיבּ עֶר לָאזְט דָארְט אַרַיין פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת, קֶען עֶר אַרָאפְּפַאלְן פוּן זַיין שֵׂכֶל, "כִּי יִפּוֹל הַנּוֹפֵל מִמֶּנּוּ", עֶר קֶען אַרָאפְּפַאלְן פוּן דִי אֱמוּנָה.

וָואס דַארְף עֶר טוּן? עֶר דַארְף בּוֹיעֶן אַ מַעֲקֶה, עֶר דַארְף בּוֹיעֶן אַ דַאךְ. וְויאַזוֹי בּוֹיט מֶען אַ מַעֲקֶה אַ צוֹים אִין מוֹחַ? אַז מְ'לָאזְט נִישְׁט דִי מַחֲשָׁבָה זָאל מִיר פַארְשְׁלֶעפְּן, מְ'הַאקְט עֶס גְלַייךְ אָפּ. ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מְ'זָאל טְרַאכְטְן פוּן אַן אַנְדֶערֶע גוּטֶע מַחֲשָׁבָה, אַן אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן, טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אַוֶועקְשְׁפַּאצִירְן, זִינְגֶען אַ נִיגוּן, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבָה וָואס ווִיל מִיר פַארְשְׁלֶעפְּן.

בּוֹיעֶן אַ מַעֲקֶה מֵיינְט אוֹיךְ זִיךְ אָפְּטוּן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר וָואס ווִיל מִיר צוּרֶעדְן צוּ טוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאכְן, אָדֶער עֶר ווִיל מִיר ווַייזְן כֵּלִים וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ דַארְף זַיין שְׁטַארְק אוּן בּוֹיעֶן אַ מְחִיצָה, אַ צְווִישְׁנְשַׁייד, אַז נִישְׁט קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּפַאלְן.

אַשְׁרֵינוּ, אַשְׁרֵינוּ, אַז מִיר ווֵייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס גִיבְּט אוּנְז עֵצוֹת אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט. גֶעבְּלִיבְּן פַאר אוּנְז אִיז צוּ זוּכְן אוּן גְרָאבְּן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'ס חֶדֶר נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע עֵצוֹת, וָואס זָאלְן מִיךְ לִיכְטִיג מַאכְן, שְׁטַארְקְן, ס'זָאל מִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי אַלֶע דִּמְיוֹנוֹת וָואס דִי גַאס שְׁטֶעלְט אַרוֹיס בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע קָאלִירְן, מִיטְן רֶבִּי'ן אִיז דָאס לֶעבְּן אַזוֹי קָאלִירְפוּל אַז עֶס קֶען דֶעקְן אוּן זֶעטִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מְ'זָאל נִישְׁט דַארְפְן זוּכְן פְרֶעמְדֶע אוּן נַארִישֶׁע דִּמְיוֹנוֹת.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְק מִיט שִׂמְחָה, כִּי בְּשִׂמְחָה תֵצֵאוּ, שִׂמְחָה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי בֶּעסְטֶע רְפוּאוֹת אוּן טַאקְטִיקְן צוּ בַּאזִיגְן דֶעם נַארִישְׁן יֵצֶר הָרָע אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶוען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.




*אין קורצן פון פריער:*

*רבי נתן פראוועט דעם ערשטן יום טוב סוכות יאן שטאט נעמירוב אלס ברסלב'ער אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. א גאנץ יום טוב בענקען זיי צום רבי'ן. זיי זענען מחליט צו פארן מוצאי־יום־טוב צו נעילת החג ווען דער רבי פלעגט אריינציען ביז טיף אין דער נאכט. זיי לאזן זיך ארויס אין וועג ווען עס פאלט א שלאקס רעגן. זיי מוזן זיך אפשטעלן אין א גאסט הויז.*

*רבי נתנ'ס שווער אינאיינעם מיט נאך סוחרים האבן באשטעלט א וואגן וואס זאלן זיי פירן קיין בארדיטשוב גלייך אסרו חג אינדערפרי.*

*רבי נתן האט אויך געזאלט מיטפארן מיט די סוחרים איינצוהאנדלען סחורה.*

*אצינד ליינט ווייטער:*

רבי נתן מיט די חברים זענען געזעסן אינעם קרעטשמע דורכגעווייקט נאס וואָרטנדיג אז די רעגן זאל נאכלאזן און זיי זאלן קענען ווייטער פארזעצן דעם וועג. ענדליך נאך צוויי שעה האבן די הימלען עטוואס זיך איינגעצויגן און דאס רעגן האט נאכגעלאזט.

די חברים האבן זיך ווידער ארויסגעלאזט אין וועג מיטן האפענונג וואס גיכער אנצוקומען קיין ברסלב. ס'איז גראדע נישט אזא לאנגע וועג, נארמאלערהייט דארף אזא וועג נעמען נישט מער פון צוויי שעה, אבער אצינד, צווישן די זומפיגע, נאסע שטראזן האט די פערד זיך געשלעפט זייער פאמעליך, קוים קוים וואס זי האט געשטעלט א טריט נאך א טריט.

אינדרויסן איז אלעס געווען טונקל און פאר'חושכ'ט, נאס און קאלט, אבער אינעווייניג אין הארצן איז געווען ליכטיג און פריילעך.

א שעה פאר חצות האבן זיי אין א מזל'דיגע שעה זיך דערנענטערט צום שטאט ברסלב ווען די חבורה האבן זיך צוזינגען א ניגון "צהלי ורונו יושבת ברסלב", [די איינוואוינער פון ברסלב זאלן זיך פרייען און זינגען]. אריינקומענדיג צום רבי'ן האבן זיי נאך אנגעיאגט צו שפירן דעם יום־טוב־דיגן טעם, ווען דער רבי גיבט פאר די פרישע געסט פון נעמירוב א שטיקל לקח שיריים פון יום־טוב מיט טרונקען זיי זאלן זיך דערקוויקן דאס

הארץ. דער רבי האט דערביי זיך אויסגעדרוקט מיט א ווערטל: "דאס איז א 'לקח' טוב נתתי לכם – אבער – תורתי על תעזובי" (א גוטן אוצר האב איך דיר געגעבן, מיין תורה זאלסטו נישט פארלאזן) אויך האבן זיי זוכה געווען צו הערן פון רבי'ן די תורה איבער דער ענין פון סוכות (תורה מ"ח).

דער בעל עגלה איז געקומען צו גיין רופן זיינע קונדן זיי אהיימצונעמען קיין נעמירוב, די חסידים האבן געבעטן רשות פון רבי'ן אהיימצופארן, ווי עס איז נהוג געווען ביי חסידים זיך צו געזעגענען, און דער רבי האט זיך מיט זיי געזעגנט, אבער פאר ר' נתן האט דער רבי געזאגט: "איך האב דיר נאכנישט באצאלט שכר טירחה (עפעס א השפעה ברוחניות) פאר דיין נסיעה ביז אהער, אויך האב איך נאכנישט געהערט קיין באריכט פון וואס עס האט זיך אפגעשפילט משך די צייט פון לעצטן מאל ווען דו האסט דא באזוכט ביז איצטער".

אזוי ווי ר' נתן האט זייער געוואלט פארברענגען מיטן רבי'ן, האט ער אינגאנצן פארגעסן פון זיין נסיעה קיין בארדיטשוב וואו ער האט געזאלט פארן תיכף נאך יום־טוב, איז רבי נתן דערינבער פארבליבן אין ברסלב ווען זיינע חברים גייען אין די צייט ארויף אויפן וואגן אהיימצופארן קיין נעמירוב.

דורכאויס דעם גאנצן נאכט האט דער רבי געשמועסט מיט רבי נתן ביז עס האט אנגעהויבן טאגן זענען זיי געגאנגען אין מקוה און געגאנגען דאווענען און דעם אזויגערופענעם שול "דעם בעל שם טוב'ס שול", וואס איז געשטאנען הארט נעבן דעם רבי'נס שטוב. רבי נתן האט אויך דעמאלט זוכה געווען צו אנטון דעם הייליגן רבי'נס וואכנדיגע טלית און א עקסטערע פאר תפילין וואס דער רבי האט פארמאגט, וויבאלד רבי נתן האט נישט געברענגט מיט זיך זיין טלית ותפילין. רבי נתן האט זיך אמאל ביי א געלעגנהייט אנגערופן: "ביי דער מינוט וואס איך האב אנגעטון דעם רבי'נס תפילין, האב איך געשפירט ווי איך האב באקומען א נייער מח!".

נאכן ענדיגן דאווענען האט דער הייליגער רבי געגעבן פאר רבי נתן צו איבערבייסן א קוכן און קאווע און נאכן מאכן א ברכה אחרונה זענען זיי ארויס שפאצירן נעבן דעם "בעל שם טוב'ס שול". אין זייט פון שול איז געשטאנען א גרויס שטיק האלץ וואו דער הייליגער רבי און דער תלמיד רבי נתן האבן זיך דארט געזעצט שמועסן. ווי נאר רבי נתן האט דערשפירט די ווארעמקייט וואס דער רבי ווייזט אים ארויס האט זיך זיין הארץ צועפנט און האט ארויסגערעדט אלע זיינע איבערגייעכצער, זיינע עליות און נסיונות, אלעס וואס האט זיך מיט אים אפגעשפילט פון צומארגנס פון יום כיפור ביז דאן.

דערציילנדיג פארן רבי'ן אז זינט ער איז נתקרב

געווארן צום רבי'ן דא אין שטאט ברסלב האבן די חשוב'ע אידן אין נעמירוב אים אנגעקוקט מיט א קרום אויג און אזוי ארום האט ער פארלוירן די חן אין זייערע אויגן. דער הייליגער רבי האט אים דערמאנט די תורה (תורה א') וואו דארט ווערט ארומגערעדט אז דאס לערנען תורה מיט יגיעה האט אן אייגנשאפט און א סגולה צו הייבן די חן פון א מענטש און ער באקומט א חשיבות, סיי ברוחניות און אויך בגשמיות. האט דער רבי צוגערעדט רבי נתן ער זאל זיך באפלייסן אין תורה צו לערנען מיט יגיעה וואס דאס וועט אים צוהעלפן צו באקומען צוריק די חן אין די אויגן פון די שטאטלייט פון נעמירוב.

[די תורה האט דער רבי געזאגט עטליכע יאר פריער אין שטאט מעדוועדיווקע פאר א חסיד וואס האט זיך אפגערעדט מיט אט דעם פראבלעם פארן רבי'ן.]

# הַכָּרַת הַטּוֹב

פַּארְשְׁטַאנֶען אַז הֶערְשְׁל אִיז 'אַרַיין אִין דִי זַאךְ'... יִשְׂרָאֵל'יק הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט צוּ אַפָּאר קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל זִיכֶער מַאכְן אִים נָאר צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ הֶערְשְׁל - פּוּנְקְט וִוי זַיין חַבֵר פִּישְׁל - גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער אָנְגֶענוּמֶען אוּן מְכוּבָּד'ִיג בַּיי דִי חֲבֵרִים.

אֵיין חִילוּק אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען צְווִישְׁן הֶערְשְׁל אוּן פִּישְׁל: אִין דֶער צַייט וָואס פִּישְׁל הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז יִשְׂרָאֵל'יק זָאל מִיטְשְׁפִּילְן מִיט אִים, הָאט הֶערְשְׁל זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען פַאר יֶעדֶע שְׁפִּיל "אִיךְ גֵיי זִיךְ פְרֵייעֶן אַז יִשְׂרָאֵל'ִיק וֶועט אַנְטֵייל נֶעמֶען! אִיךְ שֶׁעץ אִים גַאר שְׁטַארְק, נָאר עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען עֶלֶנְד אוּן אֵיינְזַאם, אוּן נָאר אַ דַאנְק יִשְׂרָאֵל'יק בִּין אִיךְ יֶעצְט בַּאלִיבְּט אוּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַלֶע חֲבֵרִים". דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי הַכָּרַת הַטּוֹב וָואס הֶערְשְׁל הָאט גֶעהַאט צוּ יִשְׂרָאֵל'יק דִי גַאנְצֶע צַייט, פַאר דִי גוּטְ'ס וָואס עֶר הָאט אִים

המשך פון זייט 12

גֶעטוּן מִיטְן אִים מְקָרֵב זַיין, אוֹיךְ צוּ זַיין אַ גוּטֶע חַבֵר וָואס אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אִים.

דִי שְׁפִּיל הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, שָׁאוּל הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער: "וֶועלְכֶע הַכָּרַת הַטּוֹב הָאבְן אוּנְז צוּם בֶּערְגֶער - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - וָואס גִיבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת: תּוֹרוֹת, שְׁמוּעֶסְן, עֵצוֹת, הַבְטָחוֹת, חִזּוּקִים, נָאנְטְשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן. ווִיאַזוֹי קֶענֶען מִיר אִים מַכִּיר טוֹב זַיין אוֹיף דֶעם?"

"מִיר גֵייעֶן פְּלַייסִיג לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים!" הָאט שְׁמוּאֵל'יק גֶעעֶנְטְפֶערְט. "מִיר וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין דָאס וָואס עֶר בַּאפֶעלְט אוּנְז צוּ מַאכְן יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט" הָאט שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט. "מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג טַאנְצְן אוּן זַיין פְרֵיילֶעךְ" הָאט יַעֲנְקִי גֶעזָאגְט. "מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג זֶען בַּיי יֶעדְן חַבֵר דִי גוּטֶע נְקוּדָה" הָאט נַחְמָן גֶעזָאגְט. "מִיר וֶועלְן דַאוֶוענֶען גוּט, אוֹיפְן קוֹל אוּן מִיט כַּוָּונָה" הָאבְן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט. "דָאס אִיז זִיכֶער אַ פַּאסִיגֶער הַכָּרַת הַטּוֹב אוֹיף וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז".

# דָאס הֵיילִיג אָרְט



"וֶוער הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם שֵׁיינֶעם בִּנְיָן?" וואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶער מוֹשֵׁל פוּן שְׁטָאט אוּמַאן, שְׁפַּאצִירְנְדִיג מִיט זַיין וַוייבּ נֶעבְּן דֶעם פְּרִישׁ גֶעבּוֹיטְן קְלוֹיז? "אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זוֹילְן, מִיט הֶערְלִיכֶע שְׁטֵיינֶער, אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן דִי שְׁטָאקְן, אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אָן עַמוּדִים, נָאר מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע בְּרֵייטֶע בַּאלְקֶענֶעס?!" נוּ וֶוער טַאקֶע? ר' נַפְתָּלִי כֹּהֵן, דֶער שְׁוֶוער פוּן ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן, עֶר הָאט דָאס גֶעבּוֹיט - יָא דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער קְלוֹיז פוּן ר' נָתָן אִין אוּמַאן וָואס שְׁטֵייט נָאךְ בִּיז הַיינְט.

"וִויפִיל קָאסְט צוּ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא בִּנְיָן?" פְרֶעגְט דֶער מוֹשֵׁל פוּן ר' נַפְתָּלִי, נָאכְן בַּאטְרַאכְטְן דֶעם בֵּית מִדְרָשׁ פוּן אַלֶע זַייטְן. ר' נַפְתָּלִי זָאגְט אִים דִי פְּרַייז וְוִיפִיל עֶס הָאט גֶעקָאסְט.

"אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין," אִיז דֶער מוֹשֵׁל אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, "ס'הָאט וֶוען גֶעדַארְפְט קָאסְטְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַזוֹיפִיל, אַזַא שֵׁיינֶער בִּנְיָן?!"

הָאט ר' נַפְתָּלִי אִים גֶעגֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט אַזַא מִין עֶרְלִיכְקֵייט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'עט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט צוּ פַּאקְן גֶעלְט אִין טַאשׁ, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ קָאמְפַּאנִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ בּוֹיעֶן אַזַא בִּנְיָן, מַאכְן זֵיי זִיכֶער צוּ קֶענֶען מַעֲשֶׂר'ן נָאךְ אִיבֶּערִיגֶע טַאשְׁן גֶעלְט, חוּץ פוּן דִי פְּרַייז וָואס מֶען בֶּעט, אָבֶּער דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט רֵיינֶע עֶרְלִיכְקֵייט!

"ס'הָאט גֶעקָאסְט אַ קְלֵיינִיגְקַייט!" הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין - וַוייל ס'אִיז גֶעטוּהְן גֶעוָוארְן מִיט עֶרְנְסְקַייט. אַלֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אַנְטֵייל גֶענוּמֶען אִין בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן, זֶענֶען גֶעוֶוען חַסִידִ'ישֶׁע אִידְן. אוּן דֶער בּוֹי־מַייסְטֶער, אִיז אַ אִיד, אַ חֲסִידִ'ישֶׁער אִיד! הָאט דֶער מוֹשֵׁל שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען, וְוִיאַזוֹי מֶען קֶען בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶער בִּנְיָן פַאר אַזַא שְׁפָּאט־בִּילִיגֶע פְּרַייז!

ס'אִיז גֶעוֶוען אַ גַלָח אִין גֶעגְנְט. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם שֵׁיינֶעם קְלוֹיז, הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְבּוֹיעֶן אַזַא קְלוֹיסְטֶער, הָאט דֶער גַלָח זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ ר' נַפְתָּלִי עֶר זָאל אִים אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא בִּנְיָן פַאר אַ קְלוֹיסְטֶער, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער...! ר' נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ אַ קוּק גֶעגֶעבְן, ס'אִיז אִים

בּיטֶער שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן הַארְצְן! אַ אִיד זָאל בּוֹיעֶן אַ קְלוֹיסְטֶער רַחֲמָנָא לִצְלַן? און ווידֶער, זיךְ צֶעקְרִיגְן מִיטְן גַלָח אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּשׁוּטֶ'ע מַעֲשֶׂה. וָואס טוט מֶען? הָאט עֶר גֶעפַּאקְט רֶענְצְלֶעךְ און אִיז אַנְטְלָאפְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט: "צֶען יָאר פוּנֶעם בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן, אִיז דֶער בִּנְיָן נָאךְ גֶעוֶוען אַזַא שֵׁיינֶע בִּנְיָן, אהה! דֶער בִּנְיָן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען נֵיי, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אֱלוּל תרע"ד, צֶען יָאר שְׁפֶּעטֶער – דֶער בִּנְיָן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען נֵיי, אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן גֶעוֶוען! דֶעמָאלְטְס אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ. הַיינְט זֶענֶען שׁוֹין דָא בִּנְיָנִים, אָבֶּער דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי שֵׁיינֶע בִּנְיָנִים אִין אוּמַאן".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע קְלוֹיז וואו עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט אִידְן הָאבְּן גֶעקֶענְט דָארְט אַרַיינְגֵיין, אוֹיבְן אִין דֶער זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ עֶזְרַת נָשִׁים. ס'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בּוֹידֶעם וואו אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. אִין דֶער זַייט אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי פָּאלִישְׁ'ן – פַאר דִי ווִינְטֶער, מֶען זָאל קֶענֶען דָארְט דַאוֶונֶען אִינְדֶערְוָואכְן, ווַייל אִין דֶער גְרוֹיסֶער שׁוּל – דֶער קַאלְטֶער שׁוּהְל, אוֹי אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַייז קַאלְט ווִינְטֶער.

נָאר שַׁבָּת הָאט מֶען גֶעדַאווְנְט אִין דֶער גַאנְצֶער שׁוּל, אָבֶּער מֶען הָאט גֶעדַאווְנְט, גֶעדַאווְנְט!

"און וויפִיל דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט שֵׁיין אִיז דֶער דַאוֶונֶען גֶעוֶוען נָאךְ שֶׁענֶער! דֶער דַאוֶונֶען אִין שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ שֶׁענֶער!" שִׁילְדֶערְט ר' לֵוִי יִצְחָק, "אַיי אַיי אַיי – וָואס אִין דֶער שׁוּהְל הָאט זיךְ אִיבֶּער גֶעטוּן – קוֹלוֹת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער שׁוּהְל, אוֹי אוֹי!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מַאכְט צוּ אַייעֶרֶע אוֹיגְן און פְּרוּבִּירְט זיךְ פָאֶרשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי אַ דַאוֶונֶען הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אִין אוּמַאן בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, לוֹיט ווִי ר' לֵוִי יִצְחָק שִׁילְדֶערְט אוּנְז... לֵיידֶער הָאט אוּנְזֶער דוֹר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ. דִי חָשׁוּבֶ'ע רֶעבִּיצִין גֶעלְבַּאךְ עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם אִיז אַמָאל גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן פַאר אַ בַּאזוּךְ, און אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין קְלוֹיז וָואס אִיז לֵיידֶער הַיינְט אַן אַייזְן-פַאבְּרִיק. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִיז זִי צֶעשְׁטוּרֶעמְט גֶעוָוארְן. זִי הָאט זיךְ דֶערְמַאנְט פוּן אִירֶע אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת.

"דָא אִיז גֶעוֶוען מַיין טַאטֶענְ'ס זִיץ, און דָא אִיז פֶעטֶער מַאטֶעס גֶעזֶעסְן. דָא ר' גֶעטְשֶׁא... אוֹי ווֵיי וָואס אִיז גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַלֶעס?" זִי הָאט גֶעדֶענְקְט פּוּנְקְט ווִי אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען גֶעזֶעסְן. אִיר הַארְץ הָאט גֶעקְלֶעמְט אוֹיף דֶער פַארְשְׁוֶועכוּנְג פוּן דֶער הֵיילִיגֶער פְּלַאץ. זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן דֶעם הֵיילִיגְן קְלוֹיז פוּן דִי אוּמְרֵיינֶע הֶענְט מִיר זָאלְן קֶענֶען זיךְ זֶען מִיטְן רֶבִּי'ן און אַלֶע זַיינֶע לֶעכְטִיגֶע תַּלְמִידִים בְּקָרוֹב, אָמֵן.

# סיפּורי מַעֲשִׂיוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה י׳
## דֶער בֶּערְגֶער און דֶער אָרִימַאן #4

און דִי ׳קֵיסֶרְ׳טֶע׳ – הָאט אִיר דָאס ׳הַארְץ׳ זֵייעֶר וֵויי גֶעטָאן דֶערוֹיף – נָאר אֲפִילוּ דִי ׳קֵיסֶרְ׳טֶע׳, קֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט טָאן אַקֶעגְן ׳קֵיסָר׳.

אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי ׳מְמוּנִים׳ [אוֹיפְזֶעהְעְרס], וָואס זֵיי זֶענֶען מְמוּנֶה גֶעוֶוען (גֶעזֶעצְט גֶעוֶוען) אִים אַרַיינְצוּוַוארְפְן אִין ׳יַם׳ אַרַיין – און זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי – און אִיז זֵיי גֶעפַאלְן צוּ דִי ׳פִּיס׳ – און זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעבֶעטְן: ״אַז זֵיי זָאלְן דָאס אִיר צוּלִיבּ טָאן, און זֵיי זָאלְן אִים אַוֶועקְלָאזְן! – וָוארְן פַארְוָואס קוּמְט אִים ׳מִיתָה׳״? – און זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעבֶעטְן: ״אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַ אַנְדֶערְן ׳שָׁבוּי׳ [גֶעפַאנְגֶענֶעם] וָואס עֶר אִיז ׳חַיָּיב מִיתָה׳, און זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין ׳יַם׳ – און דֶעם ׳בָּחוּר׳ זָאלְן זֵיי לָאזְן״!

הָאט זִי דָאס בַּיי זֵיי גֶעפּוֹעֶלְט! – הָאבְּן זֵיי אִיר גֶעשְׁוואוֹירְן: ״אַז זֵיי זָאלְן [וֶועלְן] אִים לָאזְן״!

און זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטָאן – און זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ ׳אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ׳, און הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין ׳יַם׳ אַרַיין – און אִים [דֶעם ׳בָּחוּר׳] הָאבְּן זֵיי גֶעלָאזְט, און הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי״! ״גֵיי״! – אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

און דֶער ׳בָּחוּר׳ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־דַעַת׳ – אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

און פַאר דֶעם (דְהַיְינוּ: פְרִיעֶר, אֵיי [אֵיידֶער] דֶער ׳בָּחוּר׳ אִיז אַוֶועק) – אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי ׳קֵיסֶרְ׳טֶע׳, און הָאט גֶערוּפְן אִיר ׳טָאכְטֶער׳, און זִי הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט:

״מַיין טָאכְטֶער – זָאלְסְטוּ וִויסְן: אַז דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳, עֶר אִיז דַיין ׳חָתָן׳ – און הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט, גָאר דִי ׳מַעֲשֶׂה׳ וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גֶעטָאן, און וִוי דֶער ׳בֶּערְגֶער׳ הָאט זִיךְ ׳מוֹסֵר־נֶפֶשׁ׳ גֶעוֶוען פוּן מַיינֶעט וֶועגְן, און עֶר אִיז מִיט מִיר גֶעוֶוען אִין דִי ׳זִיבְּן־עֶרְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: אִין דִי אַלֶע־עֶרְלֵיי ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳) – און אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶעמָאל גֶעשְׁוואוֹירְן בַּיי ׳גָאט׳: אַז גָאר מַיין ׳גוּטְס׳, זָאל פוּן אִים נִישְׁט זַיין פַארְמִיטְן – און אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי ׳זִיבְּן־עֶרְטֶער׳ צוּ ׳עֵדוּת׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳גְרוּבּ׳, און דִי ׳מִקְוֶה׳, און דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳).

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], הַיינְט בִּיזְטוּ זִיךְ גָאר

מַיין ׳גוּטְס׳, אוּן גָאר מַיין ׳מַזָל׳, אוּן מַיין ׳גְלִיק׳ – [בְּמֵילָא] בִּיזְטוּ בְּוַודְאַי זַיין – אוּן זַיין ׳זוּהְן׳, עֶר אִיז דַיין ׳חָתָן׳!

״אוּן דַיין ׳טַאטֶע׳ – מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין ׳גַדְלוּת׳ [גַאֲוָה], וַוייל עֶר אִים הַרְגֶ׳ענֶען אוּמְזִיסְט – אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען, אִים מַצִיל צוּ זַיין – אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפּוֹעֶלְט, אַז מְ׳זָאל אִים לָאזְן.

עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] זָאלְסְטוּ וִויסְן: אַז עֶר אִיז דַיין ׳חָתָן׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳)!

אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶועלְן, קַיין שׁוּם אַנְדֶערְן ׳חָתָן׳ אִין דֶער וֶועלְט״.

הָאט דִי ׳טָאכְטֶער׳ – צוּגֶענוּמֶען [אָנְגֶענוּמֶען] דֶער ׳מוּטֶערְ׳ס׳ רֵייד – וָוארְן זִי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ ׳יִרְאַת־שָׁמַיִם׳!

אוּן זִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶער ׳מוּטֶער׳: ״אַז זִי וֶועט בְּוַודְאַי הַאלְטְן [אַיינְהַאלְטְן] אִירֶע רֵייד״!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי ׳טָאכְטֶער׳ – אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט אַ ׳כְּתַב׳, צוּ דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳, אִין דֶער ׳תְּפִיסָה׳ אַרַיין: ״אַז זִי הַאלְט זִיךְ אִין אִים, אוּן עֶר אִיז אִיר ׳חָתָן׳״!

אוּן זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט, אַזוֹי־וִוי אַ שְׁטִיק ׳לַאנְד־קַארְד׳ [מַאפֶּע] – אוּן זִי הָאט דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן], אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ וָואס דִי ׳מוּטֶער׳ אִירֶע הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זַיין ׳פָּאטֶער׳ – וָואס זֵיי זֶענֶען דִי ׳זִיבְּן עֵדוּת׳ – דְהַיְינוּ: דֶער ׳גְרוּבּ׳, אוּן דִי ׳מִקְוֶה׳, אוּן דִי ׳אִיבֶּרִיגֶע׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – דְהַיְינוּ: זִי הָאט דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעמָאלְט אַזוֹי־וִוי אַ ׳גְרוּבּ׳, אוּן אַזוֹי־וִוי אַ ׳מִקְוֶה׳, אוּן אַזוֹי דִי אִיבֶּרִיגֶע ׳זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן׳!

אוּן זִי הָאט אִים זֵייעֶר־זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט: ״אַז עֶר זָאל דָאס ׳כְּתַב׳ זֵייעֶר־זֵייעֶר הִיטְן״!

אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּנְטְן אוּנְטֶער־גֶעחַתְמֶ׳עט!

דֶערְנָאךְ אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – [אַז] דִי ׳מְמוּנִים׳ הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ ׳אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ׳ – אוּן ׳אִים׳ הָאבְּן זֵיי גֶעלָאזְט. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם ׳יַם׳! הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף אַ ׳שִׁיף׳ – אוּן אִיז אַוֶועק אוֹיף דֶעם ׳יַם׳!

אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳ – אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דִי ׳שִׁיף׳, צוּ אַ ׳בָּארְטְן׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען ׳מִדְבָּר׳ (דְהַיְינוּ: וִויסְט).

אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם גְרוֹיסְן ׳אִימְפֶּעט׳ [שְׁטוּרֶעם־וִוינְט], אִיז דִי ׳שִׁיף׳ צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן – נָאר דִי ׳מֶענְטְשְׁן׳ פוּן דֶער ׳שִׁיף׳, זֶענֶען נִיצוֹל [גֶערַאטֶעוֶועט] גֶעוָוארְן – אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער ׳יַבָּשָׁה׳.

אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען ׳מִדְבָּר׳ – זֶענֶען דִי ׳מֶענְטְשְׁן׳ פוּן דֶער ׳שִׁיף׳, גֶעגַאנְגֶען

זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס ’עֶסְן’ – אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ גֶעזוּכְט עֶפֶּעס ’עֶסְן’ – וָוארְן אוֹיף דֶעם ’אָרְט’, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער סֵדֶר, אַז דִי ’שִׁיפְן’ זָאלְן אַהִין אָנְקוּמֶען, וָוארְן סְ’אִיז גֶעוֶוען ’מִדְבָּר’ – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְט [גֶערָאכְטְן] דָארְט, אַז סְ’זָאל עֶפֶּעס אַ ’שִׁיף’ אָנְקוּמֶען, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים.

זֶענֶען זֵיי דָארְט גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער ’מִדְבָּר’, זִיךְ זוּכְן ’עֶסְן’ – און זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אַהִין און אַהֶער, אִיטְלֶעכֶער בַּאזוּנְדֶער.

אִיז דֶער ’בָּחוּר’ גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער ’מִדְבָּר’! – און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען און גֶעגַאנְגֶען, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם ’בָּארְטְן’ – און עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן – און עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט.

און וָואס [וִוי מֶער] עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן – אִיז עֶר אַלְץ מֶער דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן – בִּיז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן, אַז עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען און גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער ’מִדְבָּר’ – און עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דֶער ’הַאנְט’ אַ ’בּוֹיגְן’, וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַצִיל גֶעוֶוען אַקֶעגְן דִי ’חַיוֹת־רָעוֹת’ פוּן דֶער ’מִדְבָּר’.

און וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס ’עֶסְן’. און עֶר אִיז אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען און גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער ’מִדְבָּר’ – און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ אָרְט, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ לֵיידִיג אָרְט – און סְ’אִיז דָארְט גֶעוֶוען: ’וַואסֶער’, און ’בֵּיימֶער’ אַרוּם פוּן ’פֵּירוֹת’ – און עֶר הָאט גֶעגֶעסְן פוּן דִי ’פֵּירוֹת’ – און הָאט גֶעטְרוּנְקְן פוּן דֶעם ’וַואסֶער’.

און עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִין דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: ”אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועקְזִיצְן [אָפְּזִיצְן] וַוייל [וִוילַאנְג] עֶר וֶועט לֶעבְן! – וָוארְן בְּלוֹא־זֶה (בְּלוֹיז) [בְּמֵילָא] אִיז זִיךְ אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוּמְצוּקֶערְן זִיךְ אִין ’יִשׁוּב’ אַרַיין – און וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קוּמֶען צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] אָרְט, אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט דָאס [דָאזִיגְן] אָרְט אַוֶועקְלָאזְן [אִיבֶּערְלָאזְן] און וֶועט פוּן דַאנֶעט אַוֶועקְגֵיין”.

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט עֶר גֶעוָואלְט דָארְט אַוֶועקְזִיצְן [אָפְּזִיצְן], און עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּערְלֶעבְן דִי וֶועלְט [אָפְּלֶעבְן זַיין לֶעבְן] – וָוארְן סְ’אִיז אִים דָארְט גוּט גֶעוֶוען, וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט דִי ’פֵּירוֹת’ צוּ עֶסְן, און ’וַואסֶער’ צוּ טְרִינְקְן.

און אַמָאל [צוּמָאל] פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֵיין – און פְּלֶעגְט זִיךְ ’שִׁיסְן’ מִיט זַיין ’בּוֹיגְן’, אַ ’הָאז’ אָדֶער אַ ’הֶערְשׁ’ – הָאט עֶר גֶעהַאט [דֶערְפוּן] ’פְלֵיישׁ’ צוּ עֶסְן.

און עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט כַאפְּן [פַאנְגְן] ’פִישׁ’ – וָוארְן דָארְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר־גוּטֶע ’פִישׁ’ אִין דֶעם ’וַואסֶער’. אִיז אִים גֶעפֶעלְן: ”אַז עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּערְלֶעבְן [אָפְּלֶעבְן] זַיינֶע יָאהְרְן”!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן





## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (4)

**א. צום סוף איז געלונגען פאר'ן קיסר ארויסצופירן די פלאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- ❑ ניין.
- ❑ אים צו מעביר זיין יא, אים צו ארים מאכן נישט.
- ❑ ער האט אים סיי ארים געמאכט און סיי מעביר געווען.

**ב. וואס האט פארציילט די וייב פון ארימאן פאר איר טאכטער?**
- ❑ איר גאנצע מעשה און ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר איר
- ❑ די שבועה וואס זי האט געשווארן אז איר גאנצע גוטע זאל נישט זיין פארמיטן פון אים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. די וייב פון ארימאן האט געזאגט פאר איר טאכטער אז דער טאטע וויל הרג'נען דעם זוהן פון בערגיר, פארוואס?**
- ❑ וייל ער האט אים פיינט
- ❑ ווען זיין גדלות
- ❑ ווען זיין שלעכטיקייט

**ד. און וואס האט זי אים געזאגט ווען חתונה האבן?**
- ❑ זאלסט לכתחילה נאר חתונה האבן מיט'ן זוהן פון בערגיר
- ❑ מעגסט חתונה האבן מיט וועמען דו ווילסט
- ❑ דער זון פון בערגיר איז דיין חתן, און זאלסט נישט וועלן קיין אנדערן אויף דער וועלט

**ה. פארוואס האט די טאכטער אנגענומען די ווערטער פון איר מאמע?**
- ❑ וייל זי האט געשפירט די אמת'דיקייט פון די ווערטער
- ❑ וייל די מאמע איז געווען א יראת שמים
- ❑ וייל די טאכטער איז אויך געווען א יראת שמים

**ו. וואס האט די טאכטער אויסגעמאלעוועט אויף די כתב וואס זי האט געשיקט פאר'ן זוהן פון בערגיר?**
- ❑ אלע פלעצער וואו איר מאמע האט זיך באהאלטן מיט זיין טאטע
- ❑ די מדברות און וועלדער וואו זיי האבן זיך באהאלטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. צו וואו איז דער זון פון בערגיר אונגעקומען נאכן גיין אויפן ים?**
- ❑ צו א מדבר
- ❑ צו א ישוב
- ❑ צו א גרויסע מדינה

**ח. וויפיל צייט האט ער געטראכט דארט צו בלייבן?**
- ❑ אפאר יאר
- ❑ ווי לאנג ער לעבט
- ❑ ביז דער קעניג וועט אים זוכן

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צווייםאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**ביי וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט אז איינער איז געגאנגען אין מדבר ?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער בערגיר מיטן ארימאן (3)

מיט וואספארא נישט גוטע מידה האט זיך דער ארימאן (וואס איז געווארן א קיסר) געפירט צום בערגיר ? כְּפוּיִת טוֹבָה

וועלכע דרגות האט מען ארויף גענומען דער ארימאן כדי די שרים זאלן קענען זיך משדך זיין מיט אים ? רַייךְ גִיוָוארִין, דִינֶען בַּיים קֵיסֶר, אַ יֶעדְנִירַאל, אַ קֵיסֶר, אַ קֵיסֶר אִיבֶּער דֶער וֶועלְט.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# הַכָּרַת הַטּוֹב

עֶס הָאט זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט פַּאר דֶער קֵייזֶערִינֶע - דָאס וַוייבּ פוּנֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם אָרִימַאן - אוֹיף אִיר אַכְזָרִיוּת'דִיגֶער מַאן, וָואס פִּירְט זִיךְ מִיט אַזַא סְדוֹמִ'ישֶׁע מִידָה, אוּן עֶר שִׁיקְט דֶעם זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער אַרַיינְצוּוואַרְפְן אִין יַם אַרַיין. מִיט אִיר חָכְמָה הָאט זִי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִים צוּ רַאטֶעוֶוען דוּרְכְן פַארְאוּרְטֵיילְן אַ צְוֵוייטְן צוּם טוֹיט אַנְשְׁטָאט אִים, אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט זִי אִים בַּאפְרַייט. דֶער זוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן אִין דִי וֶועלְדֶער עֶסְנְדִיג חַיּוֹת, אוּן עֶר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט דָארְטְן צוּ פַארְבְּלַייבְּן זַיינֶע טֶעג.

דֶערְנָאךְ, הָאט זִי גֶערוּפְן אִיר טָאכְטֶער אוּן אִיר דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אִיר לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע מִיטְן יֶעדְנִירַאל, אוּן וִוי דֶער בֶּערְגֶער הָאט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן צוּם סוֹף הָאט זִי אִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "דוּ זָאלְסְט וִויסְן, אַז דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער, אִיז דַיין חָתָן!" דִי טָאכְטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען אִיר מַאמֶעס רֵייד, וַוייל זִי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִי וֶועט אַוַודְאַי אַזוֹי טוּן.

לֶערְנֶען מִיר, אַז וָואס מֵיינְט יִרְאַת שָׁמַיִם? הַכָּרַת הַטּוֹב! גֶעטְרַיישַׁאפְט צוּרִיקְצוּצָאלְן מִיט אַ טוֹבָה, פַאר וֶוער עֶס הָאט אִים גֶעטוּן אַ טוֹבָה.

לָאמִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִי שְׁפִּילֶערַייעֶן פוּן דִי קִינְדֶער פַּאר אָבוֹת וּבָנִים.

יִשְׂרָאֵלִ'יק לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִּים צוּ מְקָרֵב זַיין שְׁטִילֶע קִינְדֶער. אֵיין מָאל פַארְן שְׁפִּילְן אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר זֶעט וִוי הֶערְשְׁל זִיצְט דָארְט אוּן הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְשְׁפִּילְן? דוּ וֵוייסְט אַז מִיר וָואלְטְן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ שְׁפִּילְן מִיט דִיר?" "נִישְׁט רִיכְטִיג, נִישְׁט רִיכְטִיג!" הָאט הֶערְשְׁל גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֵיינְמָאל, הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט עֶנְק, אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְמִיטְן לוֹיפְן, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן. זַייט דֶעמָאלְט, דֶערְוַואג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מִיטְצוּשְׁפִּילְן מִיט עֶנְק - פַארְוָואס זָאל אִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער?"




יִשְׂרָאֵלִ'יקְס גֶעזִיכְט אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט פוּן וֵוייטָאג, הֶערְנְדִיג הֶערְשְׁלְ'ס רֵייד. עֶר הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט "הֶער צוּ הֶערְשְׁל. אַזוֹיוִוי דוּ וֵוייסְט, הָאבּ אִיךְ אַ הַשְׁפָּעָה צְווִישְׁן דִי חֲבֵרִים, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּלָאזְן אַז אַזַא זַאךְ זָאל פָארְקוּמֶען. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן אַוַודְאַי נִישְׁט אַזַא סְפֶּעצִיעֶלֶער קִינְד וִוי דִיר! קוּם מִיט מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען זָאל דִיר אֱמֶת'דִיג פְרַיינְטְלִיךְ מְקָרֵב זַיין"

דָאס גְלִיק פוּן הֶערְשְׁל הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גְרֶענִיץ.

דִי חֲבֵרִים אִינְדְרוֹיסְן, הָאבְּן גֶעזֶען וִוי יִשְׂרָאֵלִ'יק שְׁמוּעֶסְט גֶעשְׁמַאק מִיט הֶערְשְׁל, אוּן זֵיי הָאבְּן

המשך אויף זייט 5

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר פנחס שלום ראטנבערג הי"ו
לרגל הכנסת בנו הב' נחמן ישראל נ"י לעול התורה והמצוות

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יהודא מאשקאוויטש הי"ו
לרגל הולדת הבת

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר זלמן לייב ראזנבערגער הי"ו
לרגל הולדת הבת